# פרשת קרח כ"ז סיון – ג' תמוז תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת קרח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **נתן רובין** הי"ו (בן הר"ר **חיים אריה רובין** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ואיחל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק להשתתף במסיבת חומש סעודה, לילדי התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים באולם עדת טערעס. המנהל הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה"ג הדומ"ץ דקהלתנו בב"פ שליט"א**, ודבר ההורים מאת **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא, נתכבד **רבינו שליט"א** לישא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך איז דא די פרשה פון מתנות כהונה, אז יעדער איינער דארף מפריש זיין פון די תבואה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, און עס אוועקגעבן פאר די כהנים און די לוויים. דער כהן האט באקומען תרומה, און דער לוי האט באקומען מעשר, און דער לוי האט נאכדעם געדארפט מפריש זיין תרומת מעשר, א צענטל פון די מעשר וואס ער האט באקומען, און עס אוועקגעבן פארן כהן. קומט אויס, אז ווען מען האט געהאט הונדערט פונט, האט דער כהן באקומען אחד מחמישים, מען האט אראפגענומען צוויי פונט, און עס אוועקגעגעבן פארן כהן. נאכדעם האט מען אראפגענומען אביסל ווייניגער פון צען פונט, און מען האט עס אוועקגעגעבן פארן לוי. און פון די צען פונט וואס דער לוי האט באקומען, האט ער געדארפט אראפנעמען בערך איין פונט, און עס אוועקגעגעבן פארן כהן. למעשה איז דער לוי געבליבען מיט ניין פונט, און דער כהן איז געבליבען מיט דריי פונט.

**איך** האב געזען אז דער **חתם סופר** שטעלט זיך, פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי איינגעטיילט די מצוה, אז דער בעל הבית זאל געבן צוויי פונט פארן כהן, און צען פארן לוי, און נאכדעם זאל דער לוי געבן איינס פארן כהן. מען האט דאך געקענט גראד איינטיילן, אז דער יוד זאל אראפנעמען דריי פונט און עס געבן פארן כהן, און ניין פונט זאל ער אוועקגעבן פארן לוי. פארוואס האט עס די תורה איינגעטיילט, און געהייסען פאר דעם לוי, אז ער זאל אראפנעמען פון זיין חלק, און עס אוועקגעבן פארן כהן.

**אין** פשטות איז דער הסבר דערפון, ווייל יעדער יוד איז מחוייב אוועקצוגעבן פארן אייבערשטען פון וואס דער באשעפער האט אים געגעבן, צו ווייזען אז מיר זענען נישט קיין בעלי בתים אויף די וועלט, און וואס מען האט, איז נישט קיין כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה (דברים ח-יז). מיר האבען באקומען א מתנה פונעם רבונו של עולם, און מיר דארפן טון וואס דער בעל הבית הייסט. און אז דער באשעפער הייסט אוועקגעבן א חלק פון וואס ער האט פאר די עובדי ה', איז ער מחוייב אוועקצוגעבן פון זיין פארמעגן תרומות און מעשרות.

**דער** לוי וואס באקומט מעשר, האט אויך א פליכט אוועקצוגעבן פון זיין חלק וואס ער האט באקומען. ער האט אויך באקומען א מתנה פונעם רבונו של עולם, די מעשר וואס ער האט. אמת ער האט נישט א חלק און א נחלה בארץ, און ער בא'ארבעט נישט די פעלדער. דער באשעפער האט אים געגעבן זיין חלק גרינגער, אז ער דארף נישט ארבעטן אויף די פעלדער, און ארויסנעמען זיין תבואה. נאר דער אייבערשטער האט געהייסען פאר די איבריגע שבטים, אז זיי זאלן אים געבן זיין חלק, ווייל ער זיצט און לערנט, און ער דינט דעם אייבערשטען אין בית המקדש. אבער יעדער יוד איז מחוייב אוועקצוגעבן עפעס פארן רבונו של עולם, און אז דו האסט באקומען דיין מעשר, דארפסטו אוועקגעבן דערפון א חלק פארן כהן. דער אייבערשטער האט נישט געוואלט סתם אזוי אז דער כהן זאל האבען דריי, און דער לוי זאל האבען ניין. דער רבונו של עולם האט געוואלט, אז יעדער איינער זאל אוועקגעבן פארן רבונו של עולם, א חלק פון וואס ער האט באקומען. פאר סתם יודען האט דער אייבערשטער געהייסען אז

מען זאל געבן תרומה און מעשר, און דער לוי דארף אויך אוועקגעבן פארן כהן א חלק פון זיין צענטל וואס ער האט באקומען.

**מיר** האבען נישט היינט אין חוץ לארץ תרומה און מעשר, אבער עס איז דא נאך א מעשר וואס מיר אלע דארפן געבן. מען געפונט ביי יעקב אבינו, אז ער האט געזאגט, וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך (בראשית כח-כב), וואס דו וועסט מיר געבן, וועל איך דיר געבן מעשר. שטייט אין תרגום יונתן, אז נישט נאר פון זיין פארמעגן האט ער געגעבן מעשר, נאר אויך פון זיינע קינדער האט ער געגעבן מעשר. ער האט געהאט י"ב שבטי י-ה, די בכורות האט ער נישט אריינגערעכנט, איז געבליבען די איבריגע צען קינדער, און פון דעם האט ער אראפגענומען לוי, און ער האט אים געמעשר'ט פארן אייבערשטען. און פון דעם איז געווארן שבט לוי, וואס זיי זענען די עובדי ה'.

**א** יוד איז אויך מחוייב אוועקצוגעבן פון זיינע קינדער מעשר. יעקב האט גענומען איין קינד פון זיינע קינדער, און ער האט אים געזאגט, דו וועסט זיין א עובד ה', דו וועסט זיין אפגעזונדערט פון די וועלט, דו וועסט נישט האבען א חלק און א נחלה אין ארץ ישראל, דו וועסט זיין די וואס זענען יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל (דברים לג-י). אזוי איז יעדער יוד מחוייב מפריש צו זיין פון זיינע קינדער, עכ"פ איין קינד, וואס ער זאל זיין, זיין לוי. וואס דאס קינד זאל ער אויסהאלטן, אז ער זאל זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, און זיין אפגעזונדערט פון די וועלט.

**דאס** איז אין כלליות. אבער אין יעדן קינד אליין, איז דא א חלק פון מעשר, וואס מען דארף אוועקגעבן. די יונגע יארן פון א קינד, ביז מען האט חתונה, די יארן פון זיין קינד דארף ער מקדיש זיין פארן רבונו של עולם. די טעג פון זיין לעבן, דאס איז מעשר וואס ער נעמט אראפ, און ער געבט עס אוועק פארן אייבערשטען. ער האט נישט קיין עול פון פרנסה, און ער טוט נישט אין פרנסה, דארף ער זיצען אין בית המדרש, און לערנען תורה פון צופרי ביז ביינאכט. און דאס איז וואס מיר זענען מחנך אונזערע קינדער משעה שיכול לדבר (סוכה מב.), פון ווען א קינד הייבט אן צו רעדן, לערנט מען אים אויס, תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב (דברים לג-ד), ווייל די יונגע יארן דארף זיין די מעשר וואס מיר געבן אוועק פארן אייבערשטען. דו האסט אונז געגעבן א קינד, געבן מיר צוריק א חלק, די יונגע יארן פון דעם קינד, אז דאס זאל זיין פארן רבונו של עולם.

**און** דאס איז די חינוך וואס עלטערן געבן פאר קינדער, אז בכלליות דארף מען איין קינד אינגאנצן מפריש זיין פארן אייבערשטען אויף כל ימי חייו, אזוי ווי לוי איז געווען. אבער אויך אין די אנדערע קינדער, דארף מען מפריש זיין די יונגע יארן פון יעדעס קינד, קודש לה'. מכל מתנותיכם תרימו את כל תרומת ה' (במדבר יח-כט), 'מכל מתנותיכם', פון וואס דער באשעפער האט ענק געגעבן, דארף איר תורם זיין א תרומה לה'. און וואס איז מען תורם, 'מכל חלבו', די בעסטע וואס מען האט, דארף מען תורם זיין. די בעסטע וואס מיר האבען, זענען אונזערע קינדער. און די שענסטע יארן פון אונזערע קינדער, זענען די יונגע יארן. און דער חלב געבן מיר אוועק פארן אייבערשטען. יעדער יוד איז מפריש די יונגע יארן פונעם קינד פארן רבונו של עולם, וואס דאס איז קודש לה'.

**ביי** תרומה איז דא א הלכה (סוכה לה.) אז מען טאר עס נישט מטמא זיין. משמרת תרומותי (במדבר יח-ח), מען דארף עס היטן. די יונגע יארן פון אונזערע קינדער, זענען תרומה פארן אייבערשטען, און דאס דארף זיין קודש, הייליג. טאמער רירט עס צו צו טומאה, האט ער אוועקגענומען די קדושה פונעם קינד. און דער פליכט ליגט אויף די עלטערן, זעהן מחנך צו זיין דאס קינד, אין אזא דור ווי מען לעבט היינט, וואס די גאנצע וועלט איז מלא טומאה, ווען מען רירט זיך נאר ארויס אביסל פונעם שטוב, איז מען ליידער אין א זוהמה, דארף מען זעהן אז די שטוב זאל זיין ריין, די שטוב זאל זיין הייליג. דאס פלאץ ווי די קינדער ווערן נתחנך אין די יונגע יארן, דארף זיין קודש לה', א הייליגע שטוב, כדי עס זאל קענען זיין תרומה וואס איז קודש. תרומה טמאה איז אסאך ערגער פון חולין, ווען מען עסט חולין איז נישט דא קיין עונש, אבער ביי תרומה טמאה איז דא מיתה. אז מען

האט מקדש געווען א זאך פאר תרומה, און מען איז עס נאכדעם מטמא, איז עס אסאך הארבער ווי ווען מען וואלט עס אינגאנצן נישט מקדש געווען. מען געפונט אין פרקי אבות (ג-יא) המחלל את הקדשים, אף על פי שיש בו תורה ומעשים טובים, אין לו חלק לעולם הבא. ווען מען נעמט קודש און מען איז עס מחלל, איז עס ערגער ווי ווען מען וואלט עס אינגאנצן נישט געמאכט פאר קודש. מיר זענען מקדש אונזערע קינדער, עס איז קודש, און מיר היטן אז אונזער קודש זאל בלייבען קודש, און מען זאל עס נישט מחלל זיין.

**בשעת** די עלטערן זעהן ווי זייער קינד הייבט אן צו לערנען, איז עס אוודאי מיט א געוואלדיגע שמחה, און מיט א השתוקקות אז די קינדער זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה'. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל עס קענען מוצא זיין מן הכח אל הפועל, זעהן אסאך נחת דקדושה, זיי זאלן אויסוואקסען תרומה. און תרומה וואס איז קודש, אן קיין שום טומאה. מען הייבט אן צו לערנען פרשת ויקרא, יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים (ויק"ר ז-ג), די קינדער זענען ריין, און זיי זענען הייליג, זאלן זיי קענען בלייבען מיט די טהרה אויף שפעטער אויך. און זעהן ביי זיי אסאך יודיש נחת. און מיר אלע אינאיינעם, זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל כתיבת האותיות שהתקיים בבית **הרה"ג רבי אהרן קרויס שליט"א** אב"ד בית שמואל, ור"י שער התלמוד. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המסובים.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הכתיבת האותיות שהתקיים בבית הר"ר **חיים יחזקאל עפשטיין** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המסובים.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר תפלת מנחה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק להשתתף באסיפת מוהלים רבתי, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר האסיפה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת דייטש ע"ה (אלמנת הר"ר **שמחה דייטש** ע"ה).

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת הילולא של זקינו **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל** (בעל ולאשר אמר), ובנו **הגה"צ רבי משה יהודא** (לייב) **כ"ץ זצוק"ל** (בעל ויגד משה), שהתקיים בבית המדרש סערדאהעלי. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכת המזון.

אחר הסעודה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל הדינער השנתי לטובת כולל שערי לימוד (בהנהלת הרה"ג **רבי יחזקאל טעמפלער שליט"א**), שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום שני פרשת קרח***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לבית מסחרו החדש של הר"ר **יצחק שרגא גראס** הי"ו לאות הכרה על נדבת לבו עבור רכישת חדר בבנין 'בית יעקב' דקהלתנו הק' בב"פ.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, להשתתף אצל 'מסיבת היסוד' לטובת הבית חינוך לבנות '**בנות חנה וויען**' שעל ידי קהלתינו הק' במאנסי, הפותחת שעריה לתפארה לקראת השנה הבעל"ט, לחינוך הבנות בדרך המסורה לנו מדור דור, בנשיאותו והדרכתו של **רבינו שליט"א**.

המסיבה שהתקיים בבית הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו (בן הר"ר **יעקב חיים כ"ץ** הי"ו), נפתחה בדברי חן על ידי היושב ראש ידידינו הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו, אשר במתק לשונו הביע שמחת קהל עדתינו בשגשוג ופריחת מוסדותינו הקדושים במאנסי, ובפרט בפתיחת המוסד החדש לחינוך הבנות על דרך ישראל סבא, והעלה על נס מסירות נפשם של האברכים החשובים שיחי' שהשליכו

נפשם מנגד למען יצאו הדברים אל הפועל, ובעזרת ה' בגבורים באו הנדיבים בעם בסיוע שיש בו ממש בסכומים הגונים ונכבדים להקל העול הגדול המוטל על כתפי העסקנים שיוכלו להמשיך בעבודת הקודש להצלחת הדברים.

במשך המסיבה נקרא '**מגילת היסוד**', אשר בו נחרטה בעט סופר בכתב אשורית ובדיו השתלשלות וייסוד המוסד החדש '**בנות חנה וויען**', שנקרא על שם אמה של מלכות, הרבנית הצדיקת מסאמבאטהעלי ע"ה, בשיטה האחרונה נחתמה חותמו של כהן גדול חתי"ק של **רבינו שליט"א**, ואחריו חתם **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשינו התאחדות אברכים, וחשובי נדיבי העם שהתנדבו מהונם בסכומים מופלגים לייסד המוסד לשם ולתפארת.

בסיום הדברים נשא **רבינו שליט"א** מדברות קדשו לקהל הנאספים, ברגשות הלב לפתיחת המוסד החדש, ובשבח אלו העומדים במשמר העבודה בלב ונפש בכל עת ועונה, והמחזיקים בה בממונם אשר שכרם כפול מן השמים.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען אראפצולייגען א יסוד פאר די נייע מיידל שולע, וואס מען שטעלט אויף אי"ה דא אין מאנסי. די ענין פון א מיידל שולע איז א שינוי, וואס איך מיין אז עס איז נישטא נאך אזא שינוי וואס איז געשען אינעם כלל ישראל אין אמעריקא, וואס איז נישט געווען פאר דעם. כלל ישראל שטייט שוין לאנג, און מען האט אלץ געוואוסט אז כל כבודה בת מלך פנימה (תהלים מה-יד), אז א מיידעל איז אין שטוב, אינדערהיים. און פאר די קריג ממש, האט זיך אנגעהויבען די בית יעקב'ס. און עס האט זיך אפגעטון א וועלט דערויף, אז מען קען אזא זאך נישט טון. ארויסנעמען מיידלעך פון שטוב, און גיין אין א שולע. און מן השמים האט מען אזוי מזמין געווען, אז דאס מוז זיין. די אלע וואס זענען געווען די גרעסטע לוחמים אין אמעריקא, אויף יעדע שינוי וואס איז דא ביי יודען, אז מען טאר נישט טוישען, האבען אויך פארשטאנען אז מען קען נישט היינט האלטן די מיידלעך אינדערהיים, און זיי מוזן האבען א מסגרת פון א מיידל שולע. און מען קען זאגען, אז עס האט געראטעוועט כלל ישראל. יודישע מאמעס וואס זענען ערליך, און פירן ערליכע שטובער, דאס האט מציל געווען כלל ישראל. אויב עס איז נישט דא קיין ערליכע מאמעס, איז נישט דא קיין ערליכע שטובער. און לויט די אומשטענדען היינט, אויב עס וואלט נישט געווען א מיידעל שולע, וואלט מען אדער נתחנך געווארן אויף די גאס, אדער אין פאבליק סקול, און עס וואלט נישט געווען קיין יודישע שטובער. איז באמת א געוואלדיגע זכות, אז מען האט א חלק אין אויפשטעלן א פרישן בית חינוך פאר יודישע טעכטער, און דער שכר דערפאר איז זייער גרויס.

**עס** איז ביי אונז דער ערשטער מוסד, וואס מיר שטעלן אויף א חסידישען מוסד. וויען איז געווען אשכנז'יש געשטימט, און אלע מוסדות ביז יעצט, האט מען געדארפט טוישן, און עס צוביסלעך איבערארבעטן פון וואס עס איז געווען. אבער דער מוסד הייבט מען אן מעיקרא מיט אונזערע יונגעלייט אליין, אויפצושטעלן א היימישע חסידישע מוסד, אז עס זאל באמת זיין צוגעפאסט פאר אונזערע קינדער.

**יעדע** הילף וואס מען טוט אין אנהייב, ווען מען לייגט אראפ א יסוד, איז אלע זכותים פון שפעטער גערעכנט פאר די וואס האבען צוגעהאלפן אין אנהייב. ווען מען קוקט צוריק, ווען מען איז ארויסגעקומען אהער נאך די קריג, און מען האט נישט געהאט גארנישט. עס איז נישט געווען קיין שום היימישע מוסד. און אונזערע עלטערן, וואס ביי ענק איז עס שוין על פי רוב די זיידעס, אודים מוצלים מאש, מען האט אלעס פארלוירן, און מען האט נישט געהאט קיין משפחה. מען איז ארויסגעקומען קיין אמעריקא בעירום ובחוסר כל, און מען האט געארבעט אז מען זאל קענען מפרנס זיין די שטובער, און מען האט אוועקגעגעבן א פרוטה נאך א פרוטה, אז מען זאל קענען אויפשטעלן נאך א מוסד, און נאך א מוסד. און די יודען וואס האבען דעמאלטס אוועקגעגעבן קליין געלט, [פאר זיי איז געווען גרויס געלט, אבער איך רעדט לפי ערך], די האבען די זכותים פון די טויזענטער קינדער וואס זענען שוין אדורכגעגאנגען און נתחנך געווארן אין די מוסדות.

ווען מען שטעלט אויף א מוסד, איז עס א געוואלדיגער זכות, ווען מען טוט דערין אין אנהייב.

**איך** האב געזען אין **חתם סופר** (דרשות ח"ב תא:), אז משה רבינו האט געזאגט, לא חמור אחד מהם נשאתי, ולא הרעותי את אחד מכם (במדבר טז-טו), איך האב קיינמאל נישט גענומען פון זיי א חמור, און איך האב זיי קיינמאל נישט שלעכטס געטון. משה רבינו האט זיך אויסגערעדט, אז מען קריגט זיך מיט אים, און מען דינגט זיך מיט אים, און ער האט אויסגערעכנט זיינע מעלות, אז ער האט קיינמאל נישט געטשעפעט יענעם, און ער האט נישט געבעטן פון זיי גארנישט. דער תרגום זאגט אויף די ווערטער 'לא חמור אחד מהם נשאתי', נישט אז ער האט נישט גענומען 'איין חמור', נאר ער האט נישט גענומען 'א חמור פון איינעם' פון זיי. לא חמור, איך האב נישט גענומען א חמור, אחד מהם, פון איינעם פון זיי.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז עס איז דא א **ספר חסידים** (סימן תק"ג), און עס איז צוגעברענגט אין **מגן אברהם** (הל' בית הכנסת סימן קנ"ד), אז עס איז געווען אמאל א יוד וואס האט געבויט א שול, און ער האט געוואלט אז ער אליין זאל האבען די זכות אינעם שול. ער האט געגעבן אלעס מתחלתו ועד סופו, וואס עס האט אויסגעפעלט צו דעם שול, און ער האט נישט געלאזט אז אנדערע יודען זאלן זיך משתתף זיין אין בויען די שול. שרייבט דער **ספר חסידים**, אז עס איז כלה זרעו. ווייל אין א דבר מצוה דארף יעדער האבען א חלק דערין, און ווייל ער האט מונע געווען א רבים, אז זיי זאלן נישט האבען א חלק אין בויען די שול, האט עס אים געשאדט פאר זיינע דורות.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז משה רבינו האט געזאגט, איך האב אויך גענומען געלט ביי יודען, אויף דברים טובים האט מען דאך געדארפט צוזאמנעמען געלט. אבער פון א אחד, האב איך נישט גענומען. איך האב נישט גענומען א זאך אז איינער זאל עס אהערשטעלן. טאמער איך האב יא גענומען, האב איך גענומען פון אסאך יודען צוזאמען. אויף א יעדע דבר מצוה וואס משה רבינו האט געדארפט האבען, איז יעדער געווען נכלל. לא חמור אחד מהם נשאתי, איך האב קיינמאל נישט גענומען א חמור פון א אחד. ווייל ביי יודען טוט נישט איינער אליין, נאר יעדער וויל האבען א חלק דערין, און יעדער טוט דערין, און צוזאמען טוט מען אויפשטעלן מוסדות התורה.

**איך** האב געזען אמאל טייטשען, די פסוק (משלי ג-יח) זאגט, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, און עס שטייט אין זוהר הק' (מצורע נג:) אל תקרי מאושר אלא מראשו. די אותיות מאוש"ר, איז די אותיות מראש"ו. די תורה איז א עץ חיים פאר די וואס זענען מחזיק די תורה, אבער עס איז א כל שכן פאר די וואס זענען תומך די תורה, מראשו, פון ווען מען הייבט אן צו בויען א זאך. ווען א זאך איז שוין דא, און מען דארף עס נאר ווייטער ממשיך זיין, איז איין זאך. אבער אמאל איז דא וואס מען דארף אנהייבען פון אנהייב, און עס אהערשטעלן, און דארט איז וויכטיג יעדער תומך וואס טוט עפעס צושטעלן, סיי זיין תמיכה בגוף, און סיי זיין תמיכה בממון, ווייל עס איז א נייע זאך.

**ווי** מען האט פריער געהערט, האט זיך קיינער נישט געקענט פארשטעלן, וויפיל שעות מען דארף אריינלייגען צו עפענען א נורסערי פאר אפאר קליינע קינדער, טרעפן די מענטשען, און אהערצושטעלן די פלאץ דערפאר, און צענדליגער זאכען וואס קומען אלץ אויף, ביז מען שטעלט די זאך אהער. 'עץ חיים היא למחזיקים בה', די תורה איז אן עץ חיים פאר די וואס זענען מחזיק די תורה, 'ותומכיה מאושר', מאוש"ר איז די אותיות מראש"ו, די וואס זענען תומך ווען עס הייבט זיך אן מראשו, פון אנהייב, די זענען אוודאי מאושר.

**ב"ה** איך בין שטארק נתפעל וויפיל די יונגעלייט האבען זיך אריינגעלייגט דערין, און מען געבט אוועק אזויפיל צייט, און אזויפיל כח, און געלט, אז מען זאל דאס קענען אהערשטעלן. און זיי זענען איבערגעגעבן בלב ובנפש, סיי די וואס פירן עס אן, און סיי די וואס העלפען זיי צו, יעדער האט א חלק דערין, חלק כחלק יאכלו. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים דערפון, אז עס זאל טאקע קענען גיין אויפן ריכטיגען וועג, און עס זאל זיך קענען פירן על דרך

ישראל סבא. און מען דארף אויף דעם עקסטער מתפלל זיין. עס הייבט זיך אן מיט א ווארימקייט פון די יונגעלייט אליין, זיי ווילן עס אהערשטעלן, און מען לייגט זיך אריין דערין, איז זיכער אז עס וועט זיין א סייעתא דשמיא, אז מען זאל קענען אויפשטעלן א מיידעל שולע וואס זאל זיין לשם ולתפארת.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען, אויב משיח וועט נישט קומען, וועט מען זיך אין א פאר יאר ארומקוקען, און מען וועט זיך דערמאנען ווי אזוי מען איז געזעסן דא, און מען האט גערעדט פון אריינלייגען אפאר מיידלעך אין סקול, און מען זעהט ב"ה אז עס איז אויסגעוואקסען, און מען זעהט די פירות דערפון, וועט מען דעמאלטס זעהן וואס דאס מיינט אהערצושטעלן א נייע מוסד. דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן פארן בעל הבית, וואס האט אריינגעברענגט די גאנצע ציבור ביי זיך אין שטוב, כדי ער זאל קענען זיין א שותף אין די מצוה, אז די זכות פון די תורה, און די זכות פון דעם חינוך פון די קינדער שפעטער, זאל אלעס ביישטיין. מען האט פריער געזאגט, אז דער **ספר חסידים** זאגט, אז אויב מען נעמט נאר פון איינעם איז זרעו כלה, איז אוודאי אז מען נעמט צוזאם פון אלע, איז דאך מדה טובה מרובה אז מען האט א זכות אויף די אייגענע קינדער, אז מען זאל קענען זעהן ביי זיי אסאך נחת. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן אלע זעהן אסאך שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שלישי פרשת קרח</u>***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שמואל יהודא מאשקאוויטש** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה בוויליאמסבורג (תלמידי הר"ר **ישראל וויזניצער** שליט"א) להיבחן אצל **רבינו שליט"א** על פרק האשה נקנית (פרק א' ממסכת קידושין). אחר הבחינה השמיע **רבינו שליט"א** דברי חיזוק להתלמידים.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**מען** האט ב"ה זייער פיין געקענט. עס איז שוין באלד זומער, און מען גייט אין קעמפ, און אין קעמפ איז דא זייער אסאך צייט. מיטן שפילען, און מיטן עסן, און מיט די מדריכים, איז נאך אלץ דא אסאך צייט וואס מען קען אסאך לערנען, און קונה זיין איבערן זומער. מען דארף אויסנוצן די צייט, און זיך פארנעמען אז מען וויל קענען מסכת קידושין, און עס גוט איבערחזר'ן. עס איז נישט גענוג אז מען לערנט עס איין מאל אדער צוויי מאל, נאר יעצט ווען עס איז גרינג, מען האט עס יעצט געלערנט, יעצט איז די צייט פון חזר'ן.

**חזר'ן** מיינט נישט מיט א גמרא, נאר מען קען זיצען ביי זיך אין שטוב, אויף א בענקל, אדער אפילו ליגען אין בעט, און איבערטראכטען די גמרא. אנהייבען איין עמוד נאכן אנדערן, און אדורכגיין די גמרות קשיא, און די גמרות תירוץ, און אז מען געדענקט נישט, קוקט מען אריין אינדערמיט. די תורה דארף זיין אזוי קלאר, שאם ישאלך איש אל תגמגם (קידושין ל.), אז ווען מען פרעגט עפעס, זאל מען קענען תיכף ענטפערן, און מען זאל נישט דארפן מגמגם זיין. דער באשעפער זאל העלפען, אז איר זאלט האבען א פיינעם זומער, סיי אין תורה און סיי אין עבודת ה', און סיי אין גשמיות, א יוד דארף דינען דעם באשעפער מיט אלעם וואס מען קען, זאלט איר האבען אסאך הצלחה ווייטער אויך, און ענקערע עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר"ר **מרדכי מענדלאוויטש** הי"ו (מאנסי), עב"ג בן הר"ר **יעקב ראזענבערג** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם סקאליע.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי דוד סופר שליט"א** אב"ד פאקש, עב"ג בן **הרה"ג רבי משה לייב ליעבערמאן שליט"א** (קרית טאהש), שהתקיים באולם פרדס צבי.

*

***יום רביעי פרשת קרח***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **משה ישראל נאטאוויטש** ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** ווי איז אייער פאטער געווען ביי די קריג?
**א' האבלים:** ער איז געווען אין רומעניא. זיין טאטע האט געהאט אפאר דאלער, און ווען ער האט צושפרייט די קינדער, האט ער געגעבן פאר יעדעם איינעם טאשן געלט. איין מאל איז ער ארויף אויף א באן, און דער קאנטראל איז געקומען, און ער האט זיך פראבירט צו באהאלטן פונעם קאנטראלער, איז ער געלאפען פון איין וואגאן צום צווייטען, און מען האט זיך געדארפט אנכאפן אין די פאל"ס. אינמיטן אריבערגיין פון איין וואגאן צום צווייטען, זעהט ער ווי דער קאנטראלער שטייט אקעגן אים, און ער כאפט זיך אויך אן אין די פאל"ס. און דער אייבערשטער האט אים חונן דעת געווען, ער האט אריינגעלייגט די הענט אין קעשענע, וואו ער האט געהאט א מטבע אין די ווערד פון פינף דאלער, און ער האט עס אריינגעשטופט פאר דעם אינספעקטאר צווישן די פינגערס, ווען ער האט זיך אנגעכאפט אויף די פאל"ס, און ער האט אוועקגעקוקט.
**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **סאטמארער רב זצ"ל**, אז ער האט געזאגט, אויף די רומענער וואס פלעגן צו נעמען געלט, און מען האט געקענט אלעס אונטערשמירען. והקב"ה מצילנו מיד"ם, דער אייבערשטער איז אונז מציל, פון זייערע הענט. מען געבט זיי עפעס אין די הענט אריין, ווערט מען ניצול.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף (עם השטריימעל) אצל הקבלת פנים של בת ש"ב **הרה"ג רבי משולם פייש גינזבערג שליט"א** אב"ד חוסט (חתן הרה"ג רבי אהרן ארי' כ"ץ זצ"ל אב"ד דקהל בני אהרן, פלעטבוש), עב"ג בן **הרה"ג רבי שמואל מרדכי פארטוגאל שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א), שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **ירמי' מאיר פאגעל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מענדל היימליך** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **הערשל פעקעטע** הי"ו (חתן הר"ר **נח משה שטיינבערג** הי"ו), עב"ג בן הר"ר **זוסמאן פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

*

***יום חמישי פרשת קרח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה לתפלת מנחה. אחר מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לטובת הרחבת ושיפוץ בית מדרשנו בוויליאמסבורג, שהתקיים בבית הר"ר **וואלווי שפיערער** הי"ו. הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו פתח את המסיבה, אחר כך נשמעו דברות קודש מאת **רבינו שליט"א**. אחר המסיבה עברו כל המשתתפים לפני **רבינו שליט"א** לחתום שטר שותפות, ולקבל מטבע ברכה.

***וזה תוכן השיחה:***

**אין** סוף פון די פריערדיגע פרשה שטייט די מצוה פון חלה. ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה, מען דארף אראפנעמען א חלק פונעם טייג, און עס אוועקגעבן פארן כהן. און דער לשון אין פסוק איז, בבואכם אל הארץ, ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, אשר אני מביא אתכם שמה, וואס איך ברענג ענק דארט, והיה באכלכם מלחם הארץ, ווען איר וועט עסן פונעם לחם הארץ, תרימו תרומה לה' (במדבר טו-יח), זאלט איר מפריש זיין חלה. און רש"י זאגט, אז די מצוה איז אנדערש פון אלע אנדערע מצות. אלע אנדערע מצות וואס מען

איז מצווה געווארן ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, איז מען נישט מצווה געווארן דערויף תיכף, נאר לאחר ירושה וישיבה. און דא איז מען מצווה געווארן בבואכם אל הארץ, תיכף ווען מען קומט אריין קיין ארץ ישראל, דארף מען מפריש זיין חלה.

**איך** האב געזען שטיין פונעם פריערדיגען **בעלזער רב זי"ע**, אז ער האט געזאגט, אז יודען אין מדבר האבען געהאט מן, לחם מן השמים. אזא גוטע צייט וואס יודען האבען געהאט אין מדבר, האבען זיי נישט געהאט נאכדעם. מען האט זיך נישט געדארפט פלאגען אויף פרנסה, עס איז געפאלען יעדן טאג מן פון הימל, און א מן וואס מען האט געקענט טועם זיין דערין אלע טעמים, עס איז געווען לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו (יומא עה:), מען איז געווען דערהויבען, יעדן טאג וואס מען האט געגעסן די הייליגע מאכלים, איז געווען א יום טוב. אבער ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, האט זיך אויפגעהערט דער מן, און מען האט געדארפט אקערן און אנזייען די פעלדער, און אדורכגיין אלע מלאכות וואס מען דארף האבען ביז מען קען צוקומען צו א שטיקל ברויט, און צום סוף האט מען באקומען א שטיקל גשמיות'דיגע ברויט. איז געווען זייער שווער פאר יודען איבערצולאזן די מדבר, אזא דערהויבענע פרנסה וואס מען האט, און אריינגיין קיין ארץ ישראל.

**און** דאס איז געווען די סיבה, פארוואס די מרגלים האבען נישט געהאט קיין חשק אריינצוגיין קיין ארץ ישראל. עס איז זייער גוט געווען פאר זיי אינעם מדבר. אין מדבר איז דא לחם מן השמים, און אין ארץ ישראל וועט מען דארפן עסן לחם מן הארץ. האט דער אייבערשטער געוואלט גרינגער מאכען פאר יודען, ווען א יוד נעמט אראפ א חלק פון זיין ברויט, און ער געבט עס אוועק פארן אייבערשטען, איז ער מקדש מיט דעם די לחם. עס איז מער נישט קיין לחם מן הארץ, נאר עס איז א לחם וואס איז נתקדש געווארן מיט א דבר מצוה.

**און** מען קען צוגעבן דערצו אביסל מער, אז אפשר איז עס נאך חשוב'ער פון לחם מן השמים. לחם מן השמים איז טאקע א הייליג ברויט, לחם שמלאכי השרת אוכלין, אבער לחם מן הארץ וואס עס איז געטון געווארן מיט דעם א מצוה, וואס דאס האט מקדש געווען דעם לחם, שטייט עס העכער פון די עבודה פון די מלאכים. די עבודה פון א בשר ודם וואס דינט דעם אייבערשטען, איז העכער פון די עבודה פון א מלאך. עס שטייט אין די משנה (אבות ד-יז), יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי עולם הבא. מעשים טובים איז מער פון עולם הבא. לחם מן השמים איז עולם הבא, מעשים טובים דאס איז די מצוות וואס מען טוט אויף די וועלט. ברויט וואס א יוד איז מקדש, איז חשוב'ער פון לחם מן השמים. און אז מען וועט עסן לחם וואס מען האט אוועקגעגעבן א חלק דערפון פארן אייבערשטען, איז נישט נאר דער חלה וואס מען האט אוועקגעגעבן קודש לה', נאר אלעס וואס בלייבט פון דעם, איז א חלק פון די קדושה. ווייל מען קען נישט מפריש זיין חלה, נאר אויב מען האט דעם גאנצן שיעור העיסה.

האט דער אייבערשטער געזאגט, תיכף נאך די פרשה פון די מרגלים, איר האט מורא אריינצוקומען קיין ארץ ישראל, ווייל מען וועט עסן דארט לחם מן הארץ, בבואכם אל הארץ, תיכף ווען מען קומט אריין קיין ארץ ישראל, והיה באכלכם מלחם הארץ, בשעת מען וועט עסן לחם מן הארץ, און נישט לחם מן השמים, געב איך ענק אן עצה, ווי אזוי מען קען מקדש זיין אלעס וואס מען האט, אז עס זאל זיין אין דעם א קדושה, ווען א יוד נעמט אראפ א חלק פון זיינע גשמיות'דיגע ענינים, און ער געבט עס אוועק פארן אייבערשטען, איז ער אלעס מקדש, און דער לחם מן הארץ וועט האבען אזא חשיבות, ווי דער לחם מן השמים וואס איז געפאלען אינעם מדבר.

**דאס** איז א געוואלדיגער לימוד מוסר השכל. גשמיות ציהט דאך אראפ דעם מענטש. עסן, טרינקען, הנאת עולם הזה, נעמט אוועק די קדושה וואס א יוד האט. אבער ווען א יוד איז מקדש אלע זיינע גשמיות'דיגע צרכים, אין אלעם האט ער דעם אייבערשטען פאר א שותף, פון זיין ברויט געבט ער אוועק חלה, פון זיין תבואה געבט ער אוועק תרומות און מעשרות, פון זיין געלט געבט ער מעשר, און אזוי ווייטער, איז ער מקדש אלע זיינע

עניני גשמיות, אז זיי באקומען אין זיך א קדושה, און אז עס באקומט א קדושה, איז ווען ער איז נהנה דערפון, איז ער נישט נהנה פון חולין, נאר ער איז נהנה מן הקודש.

**ישראל** קדושים, יודען געבן אוועק געלט פארן אייבערשטען'ס וועגן, פאר א בית המדרש וואס איז א בית ה'. מיר האבען נישט היינט א בית המקדש, אבער עס שטייט אין די גמרא (מגילה כט.) ואהי להם מקדש מעט (יחזקאל יא-טז), די קליינע בית המקדש וואס מיר האבען יא, איז א בית המדרש. דאס איז די איינציגע פלאץ, וואו עס איז דא השראת השכינה. ווען א יוד געבט אוועק פון זיין פארמעגן, כדי אז דער בית ה' זאל ווערן אויפגעבויט, האט ער א געוואלדיגען זכות, און ער איז מקדש נישט נאר דאס געלט וואס ער האט אוועקגעגעבן, נאר די גאנצע געלט וואס איז געבליבען, ווערט אויך נתקדש פון דעם חלק וואס ער האט אוועקגעגעבן פארן אייבערשטען.

**און** אז עס ווערט צוזאמגעשטעלט געלט פון יודען וואס פלאגען זיך אויף פרנסה, ערליך געלט, און הייליג געלט, און פון דעם ווערט געבויט א בית המדרש, האט דאס בית המדרש אן עקסטערע חשיבות. דער הייליגער **חתם סופר** (דרשות ח"ב שמ:) שרייבט, אז דאס וואס ביידע בתי מקדשות זענען חרוב געווארן איז געווען, ווייל דאס געלט וואס מען האט צוזאמגעשטעלט און געבויט דאס בית המקדש, איז געווען געלט וואס גוים האבען געהאט דערין א חלק. דאס צווייטע בית המקדש האט כורש געגעבן רשות אז מען זאל בויען, און שלמה המלך האט געברענגט גוי'שע ארבייטער'ס פון די פרעמד, האט זיך נישט געהאלטן די קדושה אין בית המקדש. און ווי מער עבודת ה' מען האט געטון אין בית המקדש, איז אלץ שטערקער געווארן די זכות פון די אומות וואס האבען צוגעהאלפן דערצו. ווי מער מצות און מעשים טובים עס איז ארויסגעקומען פון די עבודה פונעם בית המקדש, איז עס געווען א עילוי פאר זיי. איז אוודאי פארקערט, ווען יודען געבן געלט, און עס ווערט צוזאמגעשטעלט פון געלט וואס יודען דינען דערמיט דעם אייבערשטען, און דאס געבט מען אוועק פאר קודש, האט דער מקום אן עקסטערע קדושה, ווען מען דאווענט און מען לערנט, אז עס איז געבויט געווארן פון הייליג געלט.

**די** פאריגע וואך (כ"ה סיון) איז געווען די יארצייט פונעם **מחנה חיים**. איך האב געזען אין די תולדות פונעם **מחנה חיים**, אז דער **מחנה חיים** האט געוואוינט אין פרעשבורג, און ער האט זיך זייער געפלאגט אין די יונגע יארן. ער איז געווען א גרויסער ארימאן, און ער האט ממש נישט געהאט קיין ברויט צו עסן. און ווען מען האט אים אויפגענומען אלץ רב אין יעמרינג, האט מען אים מכבד געווען אז ער זאל האלטן א דרשה, פאר ער פארט אוועק פון פרעשבורג. און ביי די דרשה, ביים געזעגענען, האט ער זייער אראפגעריסען די ראשי הקהלה, אז זיי קוקען זיך נישט אום אויף די תלמידי חכמים וואס זענען אין שטאט, און זיי האבען נישט וואס צו עסן. און ער האט תיכף אויפגעטון, אז מען האט מייסד געווען א קופה, וואס אלע תלמידי חכמים פון די שטאט האבען פון דעם באקומען א חלק פונעם געהאלט. און מען האט דעמאלטס געהאלטן, אז די דרשה וואס ער האט געזאגט, איז געווען א פגיעה אינעם **כתב סופר**, וואס איז געווען דער רב אין שטאט. אזוי ווייט אז ווען דער **מחנה חיים** איז נסתלק געווארן, און ער איז שוין געווען רב אין פעסט, די גרעסטע קהלה וואס איז געווען אין אונגארן, און ער האט געבעטן אז מען זאל אים טראגען קיין פרעשבורג לקברי אבותיו, האט מען אים נישט געוואלט לייגען אין די שורה פונעם **חתם סופר**, און דעם **כתב סופר**, און מען האט גע'עפענט אן עקסטערע שורה. און מען האט געזאגט א תירוץ, אז דא ליגען נאר די רבנים פון די שטאט, און פאר די רבנים פון די פרעמד דארף מען מאכן אן עקסטערע מקום. און ווען מען גייט קיין פרעשבורג זעהט מען טאקע, אז ער ליגט אויף די אנדערע זייט פונעם **חתם סופר**.

**איך** האב געזען געדרוקט א הספד, וואס זיין ברודער **רבי זוסמאן סופר**, האט געזאגט אויפן **מחנה חיים**. און ער האט פארציילט, אז ביים **מחנה חיים** איז געווען גרויס עניות אין שטוב, און **רבי זוסמאן** פלעגט אריינקומען צו אים לערנען. איינמאל ווען ער איז געקומען לערנען ביי אים אין

שטוב, האט ער געזען ווי ער זיצט אויסגעטון די זאקען, און די פיס איז אין וואסער, און אזוי זיצט ער און לערנט. האט ער געפרעגט די רעבעצין, וואס איז דאס. האט זי געזאגט, אז צוויי טעג איז שוין נישט אריינגעקומען ברויט אין שטוב, און עס איז נישט דא וואס צו עסן, און כדי ער זאל זיך קענען אביסל מחזק זיין די כוחות, לייגט ער אריין די פוס אין וואסער, כדי די וואסער זאל ווערן איינגעזאפט אין זיין גוף. האט עס אים זייער באנומען, און ער איז ארויסגעגאנגען אויפן גאס, און ער האט געטראפען א יוד, און ער האט אים געזאגט, דו ווייסט אז עס איז דא דא א יוד א תלמיד חכם, און עס איז נישט דא ברויט אין שטוב?! האט ער אים געגעבן צען רענדלעך, וואס איז געווען ווערט אסאך געלט, אז ער זאל גיין מפרנס זיין. איז ער אריין אין שטוב, און ער האט איבערגעגעבן דאס געלט, אז מען זאל איינקויפן א סעודה, עס זאל זיין וואס צו עסן.

**האט** דער **מחנה חיים** געפרעגט, פון וואו האסטו דאס געלט. האט ער געזאגט, פון דעם און דעם יוד וואס ער האט געטראפען אויף די גאס, און ער האט אים געגעבן די צען רענדלעך. זאגט דער **מחנה חיים** פארן ברודער, נעם עס, און טראג עס אים שוין צוריק, איך וויל נישט נהנה זיין פון זיין געלט, ווייל ער גאלט זיך די בארד מיט א גאל-מעסער. און די מעשה האט ער ארויסגעברענגט ביי זיין הספד, אז א יוד וואס האט נישט געהאט צוויי טעג צו עסן, און צדקה מעג מען נעמען פון סיי וועלכע יוד, און ער האט נישט געוואלט נהנה זיין פון א יוד וואס האט זיך געשוירן די בארד מיט א תער, און ער איז געבליבן הונגערן ווייטער, און אזוי האט ער געלערנט תורה. - איך וויל ארויסברענגען וואס פאר א חשיבות עס האט, ווען ערליכע יודען געבן געלט, און מיט דעם בויט מען א מקום קדוש.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז די אלע וואס זענען זיך משתתף זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס זיי דארפן צו האבען. אז מען טוט פארן אייבערשטען'ס וועגן, באצאלט עס דער אייבערשטער אז מען זעהט אסאך הצלחה אין די געשעפטן, און מען זעהט נחת ביי די קינדער, מיט געזונט, און אלעס וואס מען דארף האבען. און עקסטער א ברכה פאר וואלווי זאל זיין געזונט, וואס האט געמאכט זיין שטוב פאר א בית וועד לחכמים, זאל אים דער אייבערשטער געבן, אז אין דעם זכות זאל ער געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס ער דארף האבען, ברכה און הצלחה און אלע ענינים, און מיר זאלן אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה נסע **רבינו שליט"א** לב"פ למסור שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **יונתן יוסף מענצער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מענדל ווייס** הי"ו (קרית טאהש), שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **יצחק יונה בראדי** שליט"א, עב"ג בת הרב **דוד יודא זילבערשטיין** שליט"א (וומסב"ג), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אח"כ השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יעקב הערש אדלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **פישל פריעדמאן** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.